ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
◇ קרית יואל ◇
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
◇תרכ"ו◇
פרשת ויקרא
שנת תש"פ לפ"ק

ה' קמח) עס האט דערציילט אונזער עלטער זיידע
**הגה"צ רבי ארי' מרדכי ראבינאוויטץ זצ"ל**

## די כוונות פונעם בשע"ט במקום מקוה

עס האט דערציילט אא"ז הרה"ק **רבי אברהם מפאריסוב** ז"ל, אז דער זיידע הרה"ק **רבינו יעקב יצחק זלה"ה דער יהודי הקדוש**, האט געהאט א געוויסע מיחוש און דער דאקטער האט אים אנגעזאגט אז ער זאל נישט גיין אין מקוה ווייל דאס איז פאר אים א גרויסע סכנה ר"ל.

אין יענע צייט איז ער אנגעקומען קיין לובלין צו זיין הייליגן רבי'ן **דער חוזה זלה"ה** אויף שבת קודש, פרעגט אים דער רבי "די דאקטורים האבן דאך דיך אנגעזאגט אז דו זאלסט נישט גיין אין מקוה ווייל דאס איז דאך א סכנה פאר דיר, היתכן דו פאלגסט זיי נישט, עס שטייט דאך אין די תורה 'ונשמרתם מאד לנפשותיכם'?.

האט דער יהודי הק' געזאגט "רבי, איך גיי טאקע נישט אין מקוה".

האט דער חוזה געזאגט "איך זעה דיך יעדן טאג ביים דאווענען, און ביי מיר איז קלאר אז דו גייסט יא אין מקוה". (כידוע אז דער רבי פון לובלין האט געזעהן מקצה העולם ועד סופו יעדע פרט).

האט דער יהודי הק' געענטפערט "איך טוה יעדן טאג אינדערפרי דעם סדר וואס דער הייליגער בעש"ט הק' (פר' יתרו) האט מסדר געווען אינזינען האבן די שמחות און יחודים בשעת נטילת ידים, און דער רבי זעהט דאס ווי כאילו איך וואלט זיך טובל געווען אין מקוה". (פארשטייט זיך אז דאס נאר במקום אונס, אזוי ווי ווען דער יוד הקדוש איז געווען פארבאטן פון דאקטאר צו גיין אין מקוה, און ווי דער לשון איז "מי שאין לו מקוה או שהוא אנוס") (ארי' מרדכי ראבינאוויטש)

ה' קמט) עס דערציילט אונזער טאטע
**הרה"ג ר' חיים אהרן אונגער שליט"א** דומ"ץ דקהלתינו הק' סט. 8

## "היינט איז ניטא קיין מקוה"

איך האב געהערט פון הגאון **רבי מאיר הייזלער שליט"א** ר"מ עמק התלמוד, וואס ער האט געהערט פון הג"ר **רבי שאול ברוק** ז"ל מתלמידי **הגה"ק המהרש"ב מליובאוויטש זצ"ל** (היארצייט ב' ניסן), ער האט געוואוינט אין רוסלאנד אין די שווערע צייטן, און עס איז נישט געווען קיין מקוה אין די שטאט. און די ראה"ק זענען זיך צונויפגעקומען אויף אן אסיפה בנוגע די מקוה, און עס איז געבליבן אז עס איז נישטא קיין געלט, און קיין מעגליכקייט צו בויען די מקוה. און דער ציבור איז זיך צוגאנגען.

אויפמארגן נאכן דאווענען איז רבי שאול צוגעגאנגען צו די בימה און ער האט אויסגעקלאפט "רבותי! היינט איז ניטא קיין מקוה!". און אזוי האט ער געטון דעם צווייטן טאג, און דעם דריטן טאג, ווען טאג טעגליך רופט ער אויס פארן ציבור "היינט איז ניטא קיין מקוה", עס האט נישט לאנג געגומען און מ'האט זיך צוזאמען געגומען אויף א צווייטע אסיפה, און מ'האט מחליט געווען אויף צו בויען א מקוה, און מ'האט דאס טאקע אויפגעשטעלט לקדושתן וטהרתן של ישראל.

די נקודה פון די מעשה איז זייער שטארק, אז ווען עס קומט אונטער אמאל אז מ'קען נישט האבן א ענין אין אידישקייט, מאכט מען נישט שלום מיטן מצב, אז מ'קען נישט, און עס איז לכתחילה גוט אזוי. נאר יעדן טאג איז דאס א באזונדערער עסק און ווייטאג 'היינט איז ניטא קיין מקוה', אזוי וועט מען בע"ה זיך שנעל זעהן צוריק מקיים זיין זיין מצות ה' ברא כראוי. (ישכר בער אונגער)

ה' קנא) עס דערציילט אונזער רבי
**הרה"ח רבי עקיבא צבי גאנץ שליט"א**

## א ווארט פאר די קינדערלעך לאור המצב

איך וויל דא איבערגעבן פאר די טייערע קינדערלעך שיחי'.

אזוי ווי מיר זענען יעצט אין א מצב ווען די בתי מדרשים זענען לײדער פארמאכט, און די תלמודי תורה זענען פארמאכט, אין העולם מתקיים אלא בזכות תינוקות של בית רבן.

דארפן די קינדערלעך אויך לערנען אינדערהיים, זאגן אביסל תהלים, די תינוקות של בית רבן, זיי קענען אלעס פועל'ן.

אינדערהיים האט מען געוואוסט א סגולה, וואס אליהו הנביא האט מגלה געווען פארן הייליגן ישמח משה, צו זאגן "אימא דאברהם אבינו אמתלאי בת כרנבו", דאס איז געווען מקובל צו זאגן אלס א סגולה ביי יעדע צרה. (די סגולה שטייט אויף די בארימטע קמיע פונעם ישמח משה ז"ל)

איך געדענק נאך די מלחמה אין בעסערמין איז געווען א מחלה ל"ע וואס איז ארומגעגאנגען צווישן מענטשן, האט מען גערופן דעם דאקטער, דער דאקטער פלעגט אויפהענגען א רויטן צעטל אויפן טיר אז מ'זאל דא נישט אריינקומען, ווייל די מחלה איז אנשטעקיג. אזוי אויך היינט דארף מען זעהן צו פאלגן די אנווייזונגען פון די געזעץ, ווייל די תורה זאגט 'ונשמרתם מאד לנפשותיכם'.

די קינדער זאלן פאלגן די עלטערן אינדערהיים, אין זכות פון תשב"ר וועט דער פרעזידענט אויפהערן צו באלעבאטעווען אויף אונז, און אלע אידן וועלן זיין געזונט, און אזוי וועט מען קענען צוריק עפענען די תלמודי תורה, מ'וועט קענען ווייטער לערנען פלייסיג.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מ'זאל זעהן גוטס, הערן גוטס, און דערציילן גוטס, די קינדער זאלן האבן גוטע חברים, און גוטע מגידי שיעורים, זיי זאלן קענען לערנען און זיי זאלן פארשטיין לערנען. ובקרוב זאלן מיר זוכה זיין צו גיין קעגן דעם גואל צדק. (מפי התלמידים)

ה' קנא) עס דערציילט אונזער שכן
**הרה"ח ר' נחום יאקאבאוויטש** (אוהר) **הי"ו** אנטווערפן

## זיך געבענקט נאכן רבי'ן

עס האט מיר דערציילט **הגאון רבי יעקב לאנדא זצ"ל אב"ד בני ברק**, וועלכער איז געווען א רב אינדערהיים אין ליובאוויטש ביי **הגה"ק המהרש"ב ז"ל** (היארצייט ב' ניסן) אין שטוב, אבער ווען דער מהרש"ב איז אוועק אין שנת תר"פ, האט ער נישט געוואוסט דערפון, צוליב וואס ער איז דעמאלטס געווען קראנק מיט טיפוס ל"ע.

שפעטער ווען ער איז געוואויר געווארן אז דער רבי איז נסתלק געווארן איז ער געווען אויס מענטש, ס'איז געווען עולם חשך בעדו. ער האט געשפירט ביי זיך, אז ער האט נישט גארנישט, צוליב וואס ער איז געווען אזוי דבוק אינעם רבי'ן. ער איז אוועק צום ציון און זיך אויסגעוויינט.

ארויסקומענדיג פון ציון האט ער באגעגנט א איד, און יענער האט איהם מציע געווען א געוויסע תכשיט וואס מען קען עס קויפן, און מ'קען פארדינען ביי דעם און מאכן פרנסה. זאגט איהם רבי יעקב, אז ער האט אבער נישט קיין געלט. זאגט איהם יענער, אז געלט איז נישט קיין פראבלעם, מ'קען נעמען א 'גמילות חסד' ביים רבי'ן מהריי"ץ.

איז הרב לאנדא אריבערגעגאנגען צום מהריי"ץ - וועלכער איז געווען אין איין עלטער מיט איהם - זאגט איהם דער ריי"ץ אזוי: "דער טאטע איז ביי מיר געווען, האט ער מיר געזאגט: 'מ'דארף טוהן יענקל'ען א טובה, ער האט נייטיג א גמילות חסד'. - איך האב יעצט נישט קיין גמילות חסד, נאר אויבן אויפ'ן שטאק וואוינט א איד, גיי אריבער צו איהם וועסטו קריגן א גמילות חסד.

און נאך א זאך האט מיר דער טאטע געזאגט: 'און זאג פאר יענקל'ען, ער זאל זיך נישט נאריש מאכן'", מיינענדיג צו זאגן אז ער זאל זיך מחזק זיין אויף זיין גרויסן צער, און ווייטער אנגיין מיטן לעבן געהעריג.

מיט יארן שפעטער ווען הרב לאנדא האט חתונה געמאכט זיין זוהן (הרה"ג רבי משה יהודה לייב ז"ל אב"ד בני ברק), האט ער געזאגט: ווייל איך האב זיך נאריש געמאכט איז דאס דא קע"ה...

(משה יושע שרייבער, חיים יודא שרייבער)

ה׳ קנב) עס דערציילט אונזער איידע

## הרה״ח ר׳ שלום אליעזר פראנקעל הי״ו

### חתונה מאכן אן קיין חובות

אין וויליאמסבורג האט געוואוינט א חשוב׳ער איד הרה״ח ר׳ יצחק אהרן קרעמער ע״ה, ער האט געדאווענט אין ׳תורה ודעת׳, און ער האט אנגעפירט א חשוב׳ן גמ״ח אין באיאן, וואס דער ציבור האט שטארק נהנה געווען דערפון, און במשך לאנגע יארן האט ער געבארגט גרויסע הלוואות פאר טויזענטער היימישע אידן.

איך האב געהאט מיט אים א פערזענליכע שייכות, האב איך מיטגעהאלטן ווען ער האט א שידוך געטון מיט זיין זון, מיט א חשוב׳ע אידישע משפחה פון באלטימאר, נאכן שידוך האבן זיך די מחותנים צוזאמגעזעצט און גערעדט צווישן זיך ״ווי אזוי מאכט מען חתונה?!״ביידע מחותנים זענען געווען אידן וואס האבן זיך געמוטשעט פאר פרנסה, און שאלת הפרנסה ׳כסף מנלן׳ איז געווען עומד על הפרק.

האבן זיי מחליט געווען אזוי: די ׳בעדרום סעט׳ וועט געדענקט ווערן פון די געלט וואס די כלה האט אריינגעברענגט פון איר ארבעט. צו קויפן ׳דיינונג רום סעט׳ איז נישט געקומען אויפן טיש בכלל, נאר א ׳דיינעט סעט׳ א טיש מיט פיר-בענקלעך, די קליידער וועט מען נעמען וואס מ׳האט אין שטוב, און צו די חתונה וועט מען דינגען וואס עס פעלט זיך נאך אויס, די ליל החתונה וועט ווערן געדעקט פון ׳דרשה געשאנק׳ - די קאנווערטן וואס די משתתפי החתונה וועלן ברענגען ביי די שמחה - און אויב עס וועט נישט זיין גענוג וועלן דאס חתן-כלה אויסצאלן מיט די צייט.

קיין בדחן האט מען נישט גענומען, מיט קיין שטריימל זענען זיי נישט געגאנגען, קיין גאלדענע צירונג האט מען נישט גענומען, אלעס איז געווען געמאכטע צירונג פון ביידע צדדים.

עס איז געפארן א באס קיין באלטימאר פון קרובי משפחה און נאנטע ידידים און שכנים, יעדער פון די משתתפים האט באצאלט זיין חלק פון די הוצאות פונעם באס.

צוויי הוצאות וואס עס האט איהם יא געקאסט איז געווען דער קידוש פארן שבת באווארפן, און נאך די חתונה א באשיידענע שבע ברכות ביי זיך אין שטוב. אזוי איז געווען אז דריי וואכן נאך די חתונה האט ער נישט געהאט קיין שום חובות פון די חתונה.

מי יתן והיה מ׳זאל דאס קענען היינט נאכמאכן... (משה פעלבערבוים, שמעון פעלבערבוים, יואל פעלבערבוים, שמחה גוטמאן, יעקב גוטמאן, יצחק גוטמאן, יושע פרענקל, שמחה פרענקל, משה פרענקל, אברהם דוד, משה, לייב, בערל ליכטענשטיין)

ה׳ קנג) עס דערציילט אונזער איידע

## הרה״ח ר׳ חיים פארקאש הי״ו

### פונקען פייער בשעת׳ן שרייבן

איך האב געהערט פון הרה״ק **רבי איציקל מפשעווארסק** ז״ל, אז ביים **שיניאווער רב ז״ל** אין ביהמ״ד איז געווען א איד וואס האט געהאט תפילין פון הרה״ק **רבי משה פשעווארסקער** ז״ל, און ער פלעגט לייגן די הייליגע תפילין מידי יום ביומו.

שפעטער האט מען געזעהן אז ער לייגט מער נישט די תפילין. האט אים דער שיניאווער רב געפרעגט וואס עס גייט פאר אז ער האט אויפגעהערט אנצוטוהן די הייליגע תפילין, האט דער איד דערציילט אז מיט א צייט צוריק איז ער אריבערגעגאנגען א וואסער און די תפילין איז נאס געווארן, און ער איז חושש אז עס איז פסול געווארן .

האט אים דער שינאווער רב געזאגט ״גיב עס דא אהער״, און מ׳האט דארט אויפן ארט געעפענט די תפילין, און ער האט דאס בודק געווען, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז עס איז געווען כשר בתכלית, און עס איז נישט געווען געשעדיגט גארנישט.

רבי איציקל האט דערציילט אז דער גאנצער עולם ארום האט מפליא געווען די זיכערהייט מיט וואס דער שינאווער רב האט געזאגט ״גיב עס אהער״, ווי ער איז זיכער אז די תפילין זענען כשר, האט מען דאס אנגעקוקט ווי א אפענער רוח הקודש.

האט רבי איציקל דאס ערקלערט אז מ׳קען דאס פארשטיין, ווייל ווען מ׳קוקט אריין אין די הסכמה פון די קינדער פון הייליגן רבי׳ן ר׳ זושא זי״ע אויפן ספה״ק אור פני משה, שרייבן זיי אז זייער טאטע דער רבי ר׳ זושא האט געזעהן מיט די אויגן בשעת ווען רבי משה סופר האט געשריבן זיין ספר איז געווען ״זקוקין דנורא יוצאין מקולמסו״ בשעת׳ן שרייבן.

האט רבי איציקל אויסגעפירט זיינע ווערטער ״אויב ווען רבי משה סופר האט געשריבן האט דער רבי ר׳ זושא געזעהן ווי אזוי עס איז ארויסגעקומען פונקען פייער פון זיין הייליגן פעדער, האט דער שינאווער רב פארשטאנען אז די וואסער האט נישט געקענט שולט זיין אויף די תפילין״.

ה׳ קנד) עס דערציילט אונזער איידע

## הרה״ח ר׳ חיים הערש אפפעל הי״ו

### כיבוד אב ואם

אין די תקופה וואס איך האב זוכה געווען צו משמש זיין ביי כ״ק **אדמו״ר הרה״ק בעל נועם אליעזר מסקולען** זלה״ה בשנת תשל״ט, האב איך מיטגעהאלטן ווען א חשוב׳ער איד א תלמיד חכם הרה״ג רבי אהרן יוסף בערגער שליט״א ראה״כ זכרון ישעי׳ מאנסי איז געקומען מזכיר זיין צום רבי׳ן פארן האבן א קינד פאר א ישועה, האט אים דער רבי זייער ווארעם אנגעוואונטשן, און געזאגט ״ווען אלעס גייט אריבער בשלום פארגעס מיך נישט אנצוקלינגען זאגן אז אלעס איז ב״ה דורך בשלום״ , דער איד האט טאקע אנגעקלונגען צום רבי׳ן אפנעמען דעם מז״ט האט אים דער רבי געזאגט ״קום אריבער פערזענליך״.

ער איז אריבער געקומען צום רבי׳ן אפנעמען דעם מז״ט און אים מכבד געווען מיט סנדקאות פאר זיין ניי געבוירן אינגל. און ער האט געזאגט אז ער האט שוין מכבד געווען זיין שווער מיט סנדקאות ביי א פריערדיגן קינד, און עס איז אים א זכי׳ צו מכבד זיין דעם רבי׳ן מיט סנדקאות.

פרעגט אים דער רבי ״פאר דיין טאטן האסטו שוין געגעבן?״, האט ער געזאגט ״איך וועל נאך געבן אי״ה פאר מיין טאטן ביי קומענדיגע שמחות״. אבער דער סקולענער רבי האט נישט מסכים געווען, און ער האט אים געזאגט ״כבד את אביך ואת אמך״, פארוואס זאלסטו נישט מכבד זיין דיין טאטן מיט סנדקאות. און כאטש ער האט זיך געבעטן אז ער וויל האבן די זכי׳ אז דער רבי זאל זיין סנדק, האט דער רבי געזאגט אז כיבוד אב איז א מצות עשה מה״ת, און ״דו זאלסט גיין אין מקוה זיך טובל׳ן פאר די מצוה, און נאכדעם גיין מכבד זיין דיין טאטן מיט סנדקאות, ווייל דאס איז דאורייתא. און ער האט צוגעלייגט ״א רבי איז דיין רבי, אונזער טאטע איז די הייליגער באשעפער״. ער האט געהייסן ״כבד את אביך ואת אמך״ האט ער געזאגט אז ״דער רבי זאל אים געבן א ברכה אז ער זאל האבן נאך א אינגל אז ער זאל קענען געבן פאר רבי׳ן סנדקאות ביי זיין קומענדיגן אינגל. האט דער רבי גענפערט ״אין חבוש מתיר עצמו, גיב דו מיר א ברכה אז איך זאל קענען האבן סנדקאות ביי דיר דאס קומענדיגע מאל ווען דו וועסט האבן א אינגל״ האט דער רבי אויסגעפירט.

רבי אהרן יוסף האט געטון ווי דער רבי האט אים געהייסן, און ער האט מכבד געווען זיין טאטן מיט סנדקאות. ווען ער האט זוכה געווען צו נאך א אינגל בשנת תשמ״א האט ער געקלונגען צום רבי׳ן אין שטוב, האט מען אים געזאגט אז דער רבי איז יעצט אין מיאמי לצורך בריאות גופו הטהור. עס איז שוין געווען באחרית ימיו ווען דער סקולענער רבי איז געווען זייער שוואך, האט ער גערופן דעם רבי׳ן קיין מיאמי און געזאגט אז ער וויל מכבד זיין דעם רבי׳ן מיט סנדקאות אזוי ווי מ׳האט אפגעשמועסט. זאגט אים דער רבי ״קום אריבער אהער קיין מיאמי״...

ער איז געווען מסופק צי מ׳קען אריבערטראגן א פיצל קינד קיין מיאמי, דער רבי האט אים געהייסן פרעגן א דאקטער, און ווען דער דאקטער האט מסכים געווען האט ער אריבערגעטראגן דעם ברית צום רבי׳ן קיין מיאמי.

ר׳ אהרן יוסף איז אנגעקומען צום רבי׳ן מלא שמחה, און ער קומט אריין שלום נעמען ביים רבי׳ן, די ערשטע שאלה פרעגט אים דער רבי ״ווען איז דער טיקעט אויפן וועג אהיים?״, זאגט דער איד ״מ׳האט נאכנישט געמאכט קיין טיקעט אהיים, מ׳וועט שוין זעהן לפי המצב ווען מ׳וועט אהיים פארן״.

זאגט דער רבי ״ניין, דא איז נישט קיין פלאץ צו בלייבן פאר א אינגערמאן, ביזט געקומען צום ברית, און באלד דארף מען אהיים פארן, גיי מאך א טיקעט אהיימצופארן, און נאכדעם וועלן מיר זעהן בנוגע דעם ברית״. האט די רבי צוגעלייגט ״מען זאגט נאך פון בעל שם טוב דארט ווי די מחשבה איז, דארט איז דער מענטש, איך וויל נישט אז דיין מחשבה ביים ברית זאל זיין דא אין פלארידע, ממילא זאלסטו וויסן אז די האסט שוין א טיקעט פארן וועג אהיים״.

דער איד האט אזוי געטון, ער האט געמאכט די טיקעטס אויפן וועג אהיים, און ער איז צוריק געקומען צום רבי׳ן, דער רבי איז געווען סנדק, און **כ״ק הגה״צ מפאפא בעל ויחי יוסף** ז״ל - וואס איז אויך דעמאלטס געווען אין מיאמי - איז געווען מוהל, און מען האט געבענטשט און געוואונטשן דאס קינד, און דער טאטע האט אינצווישן געלערנט א פרק אין הלכות כיבוד אב, און אין הלכות שמירת עינים.

עס איז כדאי צו צולייגן אז ווען ער איז געגאנגען מכבד זיין דעם פאפער רב מיט מוהלות, און ער האט געזאגט אז דער ברית וועט זיין ביים סקולענער רבי׳ן, האט דער פאפער רב זייער הנאה געהאט, און געזאגט אז ער קוקט ארויס צו גיין דאווענען שחרית ביים סקולענער רבי׳ן, ווייל כ׳האב אים אמאל געזעהן ביים ליינען קריאת שמע, כ׳וויל דאס נאכאמאל זעהן״... (מרדכי חנה בערגער, יעקב יושע בערגער, משה בערגער, יודא יואל ביקעל, גדלי׳ ביקעל, יעקב יושע הירש, אפרים פישל הירש, גדלי׳ הירש, יוסף הערשקאוויטש, יעקב יושע הערשקאוויטש, אליקים יודא אפפעל,וואלף אפפעל, גדלי׳ אפפעל, משה אפפעל, אברהם טייטלבוים, יעקב יושע טייטלבוים, יוסף שמעון אפפעל)